Rok I. Kraków, 4 lutego 1909 — קראקא, י"ג שבט תרס"ט. Nr 4.




**Żydowska gazeta illustrowana**

Wychodzi każdego czwartku.

**Prenumerata wynosi:** Rocznie 10 K. — 5 Rbs. Półrocznie 5 K. — 2.50 Rbs. Kwartalnie K 2.75 = 1.50 Rbs.

Pojedynczy egzemplarz 20 h. = 10 Kop.

**Redakcya i Administracya: Kraków, Grodzka 62.**

**Jüdische Illustrierte Zeitung.**

ערשיינט יעדען דאנערסטאג.

אבאנאמענטס-פרייז: יעהרליך: 10 קראנען, — 5 רובל. האלביעהרינ 5 קראנען 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראנען, — 1.50 רובל.

איינצעלנע נומער 20 העללער — 10 קאפ.

רעדאקציאן און אדמיניסטראציאן: קראקא, גראדזקא 62

הויפטפערטרעטונג פאר רוסלאנד: י. מערעצקי, ווארשא, מיאדאווא נר' 12 פיליע אין לאדז: פרזעיאזד נר' 16.

# א שרעקליכער רויבמארד אין לאנדאן.



א שרעקליכער רויבמארד אין לאנדאן: 1. די צוויי באנדיטען איבערפאלען דאס אויטאמאביל. 2. פונ'ם טראמוואי-וואגען אוים שיעסען זיי אויף דעם פובליקום.

**אינהאלט:** דער קאיזער פון אבעסיניען — דער קעניג פון ענגלאנד אין בערלין — א שרעקליכער רויבמארד אין לאנדאן — די קריזע אין אונגארן רייכסקאנצלער-קריזע אין דייטשלאנד — נייע קריעגס-ווערקציינע — יוסף איזראעלס — דער נייער חכם-באשי פון קאנסטאנטי-נאפעל — א גליקליך אונגליקליך קינד — דער סוף פון א קעניגס-זוהן — רויבמארד-פערזוך אין בערלין — א נייער נאטור-מענש — זעכצעהן מיליטער פליכטלינגע בעהאלטען אין שטרוי — משולחים יאהרען — א פרוי אלס ריכטערין או. ז. וו.



דער קאיזער פון אבעסיניען: נעגוס מענעליק.

# דער קאיזער פון אבעסיניען.

פון אבעסיניען קומט די נאכריכט, אז דער נעגוס (קאיזער) פון אבעסיניען, מענעליק, איז שווער קראנק און זיין טויט קען יעדען טאג איינטרעטען.

אבעסיניען איז איינס פון די אינטערעסאנטסטע לענדער. עס ליעגט אין מזרח־צפון פון אפריקא, האט 200,000 ענגלישע קוואדראט מייל און צעהלט 5 מיליאן איינוואהנער.

לויט וויסענשאפטליכע פארשונג איז אבעסיניען דאס אלטע לאנד „כושי“, וועלכעס ווערד דערמאנט אין דער ביבעל, און דארט האט געקעניגט די מלכה שבא, וועלכע איז צוזאמענגעקומען מיט שלמה המלך. די קעניגליכע פאמיליע ריהמט זיך נאך ביז היינט, אז זי שטאמט אב פון שלמה המלך און אויף דעם קעניגליכען זיעגעל געפינט זיך א לייב אלס סימבאל פון די ווערטער „גור אריה יהודה“.

די אבעסיניער זענען א אויסגעמישט פאלק פון אראבער, מוירען, יודען און נעגער. אים לאנד ווערען געשפראכען עטליכע שפראכען. יעדעס שבט רעדט אנדערש און האט אנדערע מנהגים. די איינגענטליכע אבעסיניער האבען צוואר אנגענומען די קריסטליכע רעליגיע, דאך האלטען זיי אויך פיעל יודישע מנהגים, ווי מילה, שבת און עסען נאר כשר׳ע בהמות.

לויט אלטע איבערליעפערונגען זענען די אבעסיניער יודען פון די עשרת השבטים, וועלכע זענען דארט אריבערגעקומען נאך׳ן חורבן פון ערשטען בית־המקדש, איבערדעם וויסען זיי נאר נישט פונ׳ם תלמוד און פון די גאונים, נאר זיי האלטען בלויז תורת־משה.

אויב די איבערליעפערונג איז אמת, לאזט זיך נאטירליך נישט קאנטראלירען. טהאטזאכע אבער איז, אז אין אבעסיניען געפינט זיך א שבט פון איבער 200,000 מענשען, וועלכע רופען זיך אן מיט דעם נאמען „פאלאשען“. זיי זענען טאקי יודען און האלטען פיעל מצות פון תורת משה. עס געפינען זיך ביי זיי אלטע כתבים. די תורה איבערזעצט אויף זייער לשון. זיי האבען נאך כהנים און רבנים — אבער דאס אלעס איז אים לויף פון דער צייט פערוויסט געווארען, און זיי זענען איינענטליך נישט קיין יודען און נישט קיין קריסטען.

שוין עטליכע מאל האבען זיך די איירָאפּעאישע יודען מיט זיי אינטערעסירט. מיט צוויי יאהר צוריק האט דער דייטשע יודישע הילפספעראיין אראבגעשיקט דארטהין א משולח, דעם דר. פייטלאוויטש, ער זאל ברענגען גענויע ידיעות וועגען די פאלאשען. זיינע נאכריכטען זענען זעהר אינטערעסאנט און עס געווארען בעשלאסען, זיך צו ווענדען צו די פאלאשען מיט א בריעף, אונטערגעשריעבען פון די רבנים פון אלע איירָאפּעאישע הויפטשטעדט און זיי צו פעראנלאסען, זיי זאלען מיטעטען אין נעהערע פערבינדונג מיט די יודען אין דער גאנצער וועלט.

דר. פייטלאוויטש איז אויך ערשיענען אין אודיענץ ביים קאיזער מענעליק און ער בעריכטעט דאריבער, אז דער קאיזער האט איהם זעהר פריינדליך עמפפאנגען און אויסגעפרעגט איבער די לאגע פון די יודען אין דער גאנצער וועלט. ווען דר. פייטלאוויטש האט איהם געוויעזען זיין בוך איבער די אביסינישע שפריכווערטער מיט א העבראישער איבערזעצונג, האט דער קאיזער געבעטען, ער זאל איהם פארלעזען דעם העבראישען טעקסט, ער וויל הערען דעם קלאנג פון דער שפראכע, וואס זיינע עלטערן האבען זיך מיט איהר בענוצט. דר. פייטלאוויטש האט דעם קאיזער געבעטען, ער זאל שיצען די פאלאשען נעגען די פערפאלגונגען פון די אראבער און מענעליק האט איהם דאס צוגעזאגט.

די געשיכטע פון אבעסיניען איז פערהילט אין דונקעלהייט. וואס מען ווייסט פון איהר, איז בלויז לעגענדען און איבערליעפערונגען.

אזוי פיעל איז זיכער, אז א צייט לאנג האבען דארט געהערשט יודישע קעניגע און ערשט שפעטער איז די מלוכה איבערגאנגען צו די איינענטליכע אבעסיניער.

אים לעצטען יאהרהונדערט האט איטאליען חשק בעקומען, אבעסיניען צו עראבערן, אבער דער קאיזער מענעליק, וועלכער האט אים יאהר 1889 איבערגענומען די מלוכה, האט זיי בעזיעגט און זיי האבען זיך געמוזט צוריקציעהען מיט שאנד. ווייטדעם איז קאיזער מענעליק אין איירָאפּא זעהר אנגעזעהען. די איירָאפּעער האבען נאר דרך־ארץ פאר די שטארקע און אלע שטאאטען האבען צו איהם געשיקט דעפוטאציעס און מיט איהם אבגעשלאסען האנדעלס־פערטרעגע.

קאיזער מענעליק איז א שטארקער פריינד פון וויסענשאפט און בילדונג, ווי ווייט עס לאזט זיך, פיהרט ער אין זיין לאנד איירָאפּעאישע זיטען און ארדנונג. זיין טויט קען אפשר ארויסרופען פאליטישע פערוויקלונגען, ווייל ער האט קיין זאהן און עס זענען פארהאנען עטליכע קאנדידאטען אויף דעם טהראן. אם וואהרשיינליכסטען וועט איבערנעהמען די רעגיערונג זיין איניקעל, דער 13־יעהריגער פרינץ לידי יאסו.


בשם ה' אלהי ישראל

דער קאיזער פון אבעסיניען: דער בריעף וועלכען די איירָאפּעאישע רבנים האבען געשיקט צו די פאלאשען אין אבעסיניען.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער די פאטאגראפיעס פון דעם שטערבענדען קאיזער מענעליק און פונ׳ם וואהרשיינליכען טהראנפאלגער פרינץ לידי יאססו, ווי אויך א פאקסימיל פון דעם בריעף, וועלכע די איירָאפּעאישע רבנים האבען געשיקט צו די פאלאשען אין אבעסיניען.

## דער ענגלישער קעניג אין בערלין.

די וועלט־פאליטיק ווערד זייט עטליכע יאהר בעהערשט פון דער נעגענערשאפט צווישען ענגלאנד און דייטשלאנד.



דער קאיזער פון אבעסיניען: דער טהראנפאלגער לידי יאסו.

די ענגלענדער, וואס זייער הויפטמאכט איז דער וועלט־האנדעל, האבען מורא בעקומען פאר דער דייטשער קאנקורענץ, וועלכע זיי בעגעגנען אין אלע ווינקעליך, און די ענגלישע פאליטיק שטרעבט דאצו, דייטשלאנד פאליטיש צו שוועכען, כדי אויך זיין ווירטהשאפטליכע וועלט־שטעלונג צו רואינירען.





נייע קריעגס-ווערקציגע: די ארויפשיסענדע קאנאן און דער באאבאכטונגס-לייטערוואגען.

יודען אויפגעוועקט און אנגעוואנדט פון זיך דעם ביזהעריגען חכם-באשי, מיט וועלכע זיי זענען געוועזען אזוי נישט צופריעדען.

צום פראוויזארישען חכם-באשי איז ערנאנט געווארען ראבינער חיים-נחום, א מאדערן געבילדעטער, ציוויליזירטער מאן, וועלכער איז אין דער טירקיי שטארק אנגעזעהען און איינפלוסרייך.

צווישען די טירקישע יודען האט זיך ענטוויקעלט א שארפער קאמפף, ווער עס זאל ווערען שטאביל חכם-באשי. עס זענען פאראהאנען געוועזען פינף קאנדידאטען, די חכם-באשי'ס פון סמירנא, קאירא, באנדאר, ירושלים און ר' חיים נחום, דער פראוויזארישער חכם-באשי. די ארטהאדאקסע יודען האבען פארגעצויגען די אנדערע קאנדידאטען, אבער ווייל זיי האבען זיך נישט געקענט אייניגען אויף איינעם, איז עס געקומען צו צערשפליטערונג פון די שטימען און ר' חיים-נחום איז געוועהלט געווארען צום דעפיניטיווען חכם-באשי.

ר' חיים-נחום, דער נייער חכם-באשי, איז געבוירען אין מאגנעזיע (אזיאטישע טירקיי) אם 5 אפריל 1871. דארט האט ער געלערנט ביים רב אין זיין געבורטס-שטאדט. דערנאך איז געפאהרען אין די ישיבה פון טבריה, וואו ער האט געלערנט ביים רב ר' דוד אבו זצ"ל 4 יאהר. שפעטער בעזוכט ער די אראבישע ישולע אין ביירוטה,

דאס קאיזערליכע ליצעאום אין סמירנא און די יוריסטישע האכשולע אין קאנסטאנטינאפעל. נאכדעם ווי ער האט געענדיגט דאס וועלטליכע שטודיום, איז ר' חיים נחום געפאהרען קיין פאריז, וואו ער האט אין דעם דארטיגען ראבינער-סעמינאר געלערנט און בעקומען התרת-הוראה. גלייכצייטיג האט ער שטודירט אריענטאלישע וויסענשאפטען אין שפראכען. אים יאהר 1898 איז ער ערנאנט געווארען צום פראפעסאר אן דעם ראבינער-סעמינער פון קאנסטאנטינאפעל, וואו ער האט געהאלטען שיעורים איבער תלמוד ירושלמי, אגדה און מדרש. צו גלייכער צייט איז ער אויך געוועזען פראפעסאר פאר פראנצעזישע שפראכע אין דער טירקישען קריעגסשולע פאר שעניער אפיציערע.

אין אלע זיינע שטעלונגען האט ער זיך געצייכנט אלס זעהר פעהיג און טיכטיג און עס איז צו ערווארטען, אז אויך אלס חכם-באשי וועט ר' חיים נחום ענטוויקלען א פלאנמעסיגע ארבייט און אויך די ארטהאדאקסען וועלען מיט איהם זיין צופריעדען.

דער חכם-באשי ווערד איינגעפיהרט אין זיין אמט מיט גרויסע צערעמאניעס. דער צערעמאניען-מיניסטער האלט איהם אפ פון זיין וואהנונג אין א קאיזערליכען פארадע-וואגאן און פיהרט איהם צום קאיזערליכען פאלאסט, וואו ער ווערד פונ'ם סולטאן עמפפאנגען אין א פריוואט-אודיענץ. פון דארט בעגיבט ער זיך צום גראס-וועזיער און צו די אנדערע מיניסטער; דאסמאל וועט דער נייע חכם-באשי בעזוכען אויך די פרעזידענטען פון פארלאמענט און פון סענאט.

מיר ברענגען אין אונזער הייטיגער נומער צוויי בילדער פון דעם נייעם חכם-באשי, ר' חיים נחום, איינעם אין ציוויל-קליידער און דאס צווייטע אים אורנאט אלס ראבינער.

# משותלח'ס יאהרען.

אין דעם בולגארישען דארף פאוועלסקא לעבט די בייערין קאבא וואסילקא, וועלכע האט עררייכט דאס אלטער פון 125 יאהר. זי איז נאך געזונד און געזונד קרעפטיג. איהר טעגליכע ארבייט צו בעזארגען, זי ארבייט נאך היינט, ווי מיט 50 יאהר צוריק און קיין מענש וואלט דערקענט, וויפיעל יאהרען עס ליגען שוין אויף איהרע פלייצעס.

דאס מערקווירדיגע אין דער זאך איז, אז די בייערין האט א זוהן, טהעאדאר, וועלכער איז שוין 100 יאהר אלט און עבענפאלס געזונד און קרעפטיג.

אין בולגאריען זענען אזוינע אלטע לייט נישט קיין זעלטענהייט. הונדערט יאהר אלטע מענשען טרעפט מען דארט עפטערס אין די דערפער. די אורזאכע דאפון איז די גוטע געזונדע לופט אין יענעם לאנד, ווי אויך דאס רוהיגע נאטירליכע לעבען און די געזונדע נאטירליכע נאהרונג, וועלכע זיי פיהרען און געניעסען.

אין אונזער הייטיגער נומער ברענגען מיר דאס בילד פון דער מאמען מיט'ן זוהן, וועלכע האבען עררייכט אזא זעלטען אלטער.

# א נייער נאטור-מענש.

דאס „צוריקקעהרען צו דער נאטור" איז א שלאגווארט פון דער נייעסטער צייט. עס איז אמת, די מענשען ווערען אצינד וואס א מאל שוואכער און קראנקער און א געוויסער קרייז פון געלעהרטע בעהויפטען, עס איז דאס דאפאר וואס דער מענש האט זיך צוריקגעצויגען פון דער נאטור. ער איז געווארען פערוויילכלט, געשוואכט און ער ערהאלט זיין ארגאניזם נאר דורך קינסטליכע מיטעל, אהן לופט און אהן פרייער בעוועגונג.

אלס נאטירליך מיטעל דארפען עמפפעהלען זיי די קאלט-וואסער-קור, לופט- און זון-בעדער, וועגעטאריזמוס וכדומה. בקצור, דער מענש זאל צוריקקעהרען צו דער נאטור און ער וועט ווידער ווערען שטארק און געזונד.

ווי געוועהנליך ביי יעדער נייער שטרעמונג קומען אויך אויף ערשיינונגען, וואס מאכען די זאך א ביסעל לעכערליך דורך זייער איבערטרייבונג. און אזא מין ערשיינונג איז איצט אויפגעטרעטען אין מאילאנד (איטאליען).

א געוויסער לודוויג קאבנער, 38 יאהר אלט, געבירטיג פון האמבורג, רופט זיך דער „מענש פון דער נאטור" און ער ערנעט די אויפמערקזאמקייט פון די מאילענדער דורך דעם, וואס ער געהט ארום אין די גרעסטע פיעסט אויף די גאסען נאר אין ריינע לייווואנטענע קליידער. אהן א הוט און אהן שיך... קאבנער פיהרט אין אזא מין לעבען זייט 18 יאהר און פיהלט זיך דאביי זעהר גוט...

ער בעהויפטעט, אז נאט האט איהם אראב געשיקט, „גליקליך צו מאכען די מענשען" און ער וויל ערגיין ווייט אין בראזיליען גרינדען א נאטור-קאלאניע, וועלכע וועט זיין א מין גן-עדן פאר די מענשהייט...

מיר ברענגען אין אונזער הייטיגער נומער א אריגינאל בילד פון דעם נייעם נאטור-מענש לודוויג קאבנער.



יוסף איזראעלס: צו זיין 85-סטען געבורטסטאג.



דער נייער נאטור-מענש



רייכסקאנצלער-קריזע אין דייטשלאנד: דער רייכס-קאנצלער פירסט בילאוו.

# יוסף איזראעלס.

אם 27 יענער האט דער גרויסער יודישער קונסט-מאלער אין האלאנד, יוסף איזראעלס, געפייערט זיין 85-סטען געבורטס-טאג.

דער גרויסע קינסטלער, איינער פון די בעריהמטסטע איצטיגע מאלער איז נאך פריש און יונג און האט נאך ביז היינט נישט אויפגעהערט צו שאפען די גרעסטע קונסטווערקע.

איזראעל'ס ספעציאליטעט איז דאס האללענדישע פישער-לעבען. אט פון דעם מיליעה האט ער געשאפען די טהייערסטע בילדער, וועלכע וועלען בלייבען אייביגע קונסטווערקע. ער איז קיין טרוקענער מאלער, וואס מאהלט בלויז וואס ער זעהט. איזראעלס איז אויך סימפאטיקער און אין זיינע בילדער ליגט אזוי פיעל נשמה, אזוי פיעל טראגיק, אזוי פיעל ערנסט, אז זיי האבען א גרויסען קונסטגעשיכטליכען ווערטה. ער איז, ווי זיין ביאגראף דריקט זיך אויס, „דער שאפענהויער און דער ניעטצשע אין דער קונסט“.

יוסף איזראעלס איז געבוירען אם 27 יענער 1824 אין גראנינגען. זיין פאטער איז געווען קויפמאן און האט געלאזט זיינע קינדער שטרענג יודיש ערציהען. איזראעלס דערצעהלט אין זיין לעבענסבעשרייבונג: „איך דערמאן מיך נאך גוט, ווי איך פלעג מיט מיין ברודער יעדען טאג געהען אין שול אריין דאווענען. רעליגיאן האבען מיר געלערנט ביי איין אלטען בלינדען פאלנישען ראבבינער וועלכען מיר פלעגען טעגליך פיהרען אין שול. נאך ביז היינט שטעהט ער פאר מיינע אויגען, דאוענדיג ביי דער מזרח-וואנד. איהם האב איך אויך געוויזען, איידער ער איז בלינד געווארען, מיין ערשטעס בילד, פאר'שטעלענדיג אנ'אלטען יודישען מאן. דער אלטער ראבבינער בעטראכט דאס בילד מיט ערנסט און פרעגט: „פאר וואס זעהט ער אזוי טרויריג אויס? עס איז שוין דאס געלעגען אין מיין נאטור פון דער יוגענד אויס, צו מאלען אלעס ערנסט און טרויריג“.

איזראעלס האט זיך שוין אין זיין יוגענד געצייכנט אלס טאלענטפאלער מאלער און די וועלט איז אויף איהם אויפמערקזאם געמאכט געווארען, ווען ער האט אויסגעשטעלט אין גראנינגען דאס בילד פון א יוד, וועלכער שטעהט אויף דער גאס און פערקויפט טאבאק-פייקעס.

נאכדעם ווי ער האט זיך אויסגעבילדעט אין אמסטערדאם און אין פאריז, מאלט איזראעלס זיינע ערשטע צוויי בילדער פון דעם האלענדישען שיפער-לעבען. די בילדער ווערען דאס גרעסטע אויפזעהען און באלד איז איזראעלס א בעריהמטער מאלער. אויף אלע אויסשטעלונגען ווערען זיינע בילדער צו זעהען, די גאנצע פרעסע איז פול מיט זיין לויב; זיין קונסט ענטוויקעלט זיך פון טאג צו טאג און היינט ווערד ער גערעכענט אלס איינער פון די גרעסטע קינסטלער אין דער וועלט.

יוסף איזראעלס איז אויך א טיכטיגער שריפט-שטעלער און זיינע ביכער איבער שפאניען און מאראקא ענטהאלטען זעהר אינטערעסאנטעס מאטעריאל איבער די דארטיגע יודען און זייער געשיכטע.

איזראעלס קען אויך גוט העברעאיש און אינטערעסירט זיך שטארק מיט אלע יודישע ענינים.

ווי שוין דערמאנט, איז דער קינסטלער טראץ זיינע 85 יאהר נאך פריש און געזונד. יעדען טאג מאכט ער זיינע שפאצירגענגע איבער די גאסען פון האאג, ער געהט טריט ביי טריט, פערטיעפט אין מחשבות. זיין מוח ארבייט נאך ווייטער און קלערט וועגען נייע קונסטווערקע.

אין אמסטערדאם האט די קינסטלער-וועלט פעראנשטאלטעט צו עהרען פון זיין 85-געבורטסטאג א אויסשטעלונג פון זיינע בעסטע ווערק און די פרעסע פון דער גאנצער וועלט ווידמעט דעם גרייזען יובילאר אויספיהרליכע ארטיקעל און ווינשט איהם נאך א לאנג, לאנג לעבען.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער דאס בילד פון דעם בעריהמטען קינסטלער, און ווינשען איהם אריכת ימים ושנים.

# א שרעקליכער רויב-מארד אין לאנדאן.

מיר האבען שוין אין אונזער לעצטער נומער קורץ בעריכטעט איבער דעם שרעקליכען רויב-מארד, וואס איז פארגעקומען פאריגע וואך אין לאנדאן.

אין אלטע צייטען פלעגען רייבער לאגערן אין די וועלדער און צווישען הויכע בערג אויף רייזענדע כדי זיי צו בערויבען.

אין נייעסטער צייט דרעהען זיך ארום אין די גרויסע שטעדט שווינדלער און שולערס, וועלכע פערנארען לייכטגלייביגע פערזאנען אין שפיעל-קעלערס און נעהמען ביי זיי צו די אפותיקי'ס.

אויף דעם באלקאן, אין קאווקאז, זענען אין לעצטע אונרוהיגע יאהרען עפטערס פארגעקומען פעלע, וואו באנדיטען זענען איבערגעפאלען די פאסט אדער רייזענדע מיט געלד און האבען זיי אויסגערויבט.

אבער אז אזא איבערפאל זאל זיך טרעפען אין אזא גרויסער שטאדט ווי לאנדאן, אויף א בעלעבטע שטראסע, אין מיטען העלען טאג, דאס וואלט זיך קיינער נישט געגלויבט...

און עס איז פאקט געשעהען!

אין דעם צפון'דיגען פיערטעל פון לאנדאן, וועלכעם מען רופט טאטטענהאם, זענען די צוויי באנדיטען, וועלכע שטאמען פון רוסלאנד און זענען געוועזען מיטגליעדער פון די רעוואלוציאנערע קאמיטעס, איבערגעפאלען א אויטאמאביל, אין וועלכען עס זענען געפאהרען בעאמטען פון א קויטשוק-פאבריק, פיהרענדיג מיט זיך א גרעסערע סומע געלד (85 פפונד שטערלינג, אזויפיעל ווי 750 רובעל, אדער 2000 קראנען) אויסצוצאהלען די ארבייטער. מיט רעוואלווערס פערוואונדען די איבערפאלער די בעאמטען, נעהמען צו דאס געלד און האבען זיך ארויף אויף א טראמוויי-וואגען.

דאס איז געשעהען אין מיטען העלען טאג, אויף א שטארק בעלעבטער גאס. דער קאנדוקטער פונ'ם טראמוויי-וואגען, זעהענדיג וואס עס איז געשעהען, וויל בלייבען שטעהען, אבער די צוויי רייבער צווינגען איהם מיט געלאדענע רעוואלווער'ס צו פאהרען ווייטער אזוי שנעל ווי



א דריי-יעהריג וואונדער-קינד: די דריי יעהריגע קלאוויער-קינסטלערין.



א גליקליך אונגליקליך קינד: דאס קינד, וועלכעס דער איטאליענישער קעניג האט אדאפטירט פאר זיין אייגענס.

— וואס האבען מיר אָבער דאפון — ב־יימט דער אבערסט — ווען דער יוד האט גלייכצייטיג פערראטהען אונזער פלאן?...

— איך גלויב נישט, אז ער האט אלעס פער־ראטהען — זאגט דער צווייטער — ער האט זיכער נישט אויסגעוואנט אז מיר געפונען זיך דא, ווייל מען וואלט איהם תיכף געוועזן אויפגעהאנגען און נישט געמאכט צום הויפטמאן!...

— איהר האט רעכט, הערר ריטמייסטער — ענ־פערט דער אבערסט — ער האט נישט אלסדינג דער־צעהלט, ער האט בלויז געוואָרענט אז מיר קומען און וויל זיך שיצען דורך זיין פאטריאָטיזמוס פאר דעם פער־דאכט אז ער האט די שטאדט פערראטהען...

— אויב אזוי אָדער אזוי — זאגט דער ריטמייסטער — אונזער פלאן איז צעשטערט. פלוצים די שטאדט איבערפאלען קענען מיר נישט מעהר און דאס האבען מיר דעם פערפלוכטען יוד צו פערדאנקען. גע־נעראל קעניגסמארק וועט אונז גוט מכבד זיין, ווען מיר וועלען צו איהם קומען מיט דער בשורה.

איהר ברויכט קיין מורא האבען — רופט אדראוואלסקי, — איך האב דעם גענעראל קעניגסמארק געגעבען דאס ווארט, אז איך וועל איבערליעפערן די שטאדט פראג אין זיינע הענד און איהר קענט אייך אויף מיר פערלאזען. איהר ברויכט דעם גענעראל קעניגסמארק דערצעהלען דעם גאנצען אמת און איהם ראטען, ער זאל וואַרטען נאך עטליכע וואכען מיט׳ן איבערפאל. דער־וויל וועלען די פראגער זיך בערוהיגען און דעם יוד מיט זיינע שטראשונקעס אויסלאכען. דעמאלט וועט זיין צייט, אויס־צופיהרען דעם פלאן. גענעראל קעניגסמארק קען דערוויל ארוממארשירען אין דער געגענד, עס זאל אויסזעהען, אלס אויב ער וויל זיך צוריקציעהען קיין באיערן. צו דער רעכ־טער צייט זאל ער זיך אָבער אומקעהרען און פלוצים שטעהען פאר פראג. איך וועל שוין זארגען דאפיר, אז די הענגעבריק זאל זיין אראבגעלאזט און גענעראל הארטיק זאל זיין דעמאלט שכור... דורך דער הענג־בריק וועט איהר לייכט קענען איבערפאלען די קליין־זייט. נאך איידער די פראגער וועלען עפּיס מערקען, דעמילט וועט שוין די גאנצע שטאדט זיין אָפען פאר אייך!

אדראוואלסקי ערקלערט די צוויי שוועדישע שפּיאָ־נען — דען דאס זענען די צוויי לייט געוועזען — אלע איינצעלהייטען פון זיין פלאן. דער אבערסט פער־שרייבט זיך אלעס אין זיין נאטיצבוך און נעמט זיך צום געהען, ער דערמאנט זיך אָבער נאך עפּיס און פרעגט:

— קען מען זיכער זיין מיט אייער דיענער, אז ער וועט אונז נישט פערראטהען?

— אזוי ווי אויף מיר זעלבסט — ענטפערט אדראוואלסקי — זיין טאכטער איז מיין געליעבטע... ער וועט שווייגען ווי די וואנד!

די צוויי פרעמדע געזעגענען מיך און אראוואלסקי פיהרט זיי ארויס. אין דרויסען איז שוין דינקעל און זיי פערלאזען דאס געהיימע הויז, געשיצט דורך די הויכע ביימער, וועלכע ציעהען זיך ביז ווייט הינטער דער שטאדט.

(פארטזעצונג קומט).

# נייע קריעגס־ווערקציינע.

נאך קיינמאל האט מען אין דער וועלט אזוי פיעל גערעדט וועגען פ ר י ע ד ע ן, וועגען פריעדענספער־מיטלונג און וועגען פריעדענס־בעדירפניס, ווי אין די לעצטע פאר יאהרען. יעדעס יאהר קומען צוזאמען די פערטרעטער פון אלע פארלאמענטע אויף א פריעדענס־קאנפערענץ. אין האאג זענען אבגעהאלטען געווארען צוויי פריעדענס־קאנ־פערענצען פון די פערטרעטער פון אלע גרויס־מעכטע. דארט עקזיסטירט אויך א שטענדיג שיעדס־געריכט און עס ווערד געבויט א פריעדענס־פאלאסט... די גאנצע וועלט איז פול פריעדען...



זעכצעהן מיליטער פליכטלינגע בעהאלטען אין שטרוי.

אָבער נאר אויף דער צונג... אין אמת׳ן אָבער גרייט זיך יעדע רעגיערונג אן צום קינפטיגען קריעג. טעגליך ווערען געמאכט נייע פלענער, געגאָסען נייע קאַ־נאנען, געבויעט נייע קריעגס־שיפע און אין דער לעצטער צייט האבען די לענקבארע לופטבאלאנע און פלוג־מאשי־נען אננעארבייט נאר א רעוואלוציע אויף דעם געביעטע פון דער קריעגס־טעכניק... אט די צוויי נייע ערפינדונגען, וועלען אין ערשטער ליניע דיענען נישט דער מענשליכען קולטור, דעם פארטשריט און דער ציוויליזאציאָן, נאר דעם אבבאט פון קריעג...

אבער נאך איידער דיעזע קריעגס־אינסטרומענטע זענען אזוי פאלקאָמען, אז מען זאל זיך קענען מיט זיי בעדיענען, זיצען שוין אנדערע מענשען און קלערען אויס אנדערע אינסטרומענטע, וועלכע זאלען שיצען געגען זיי.



משותלח׳ם יאהרען: די 125 יאָהר אלטע פרוי און איהר 100 יעריגער זוהן.

לעת־עתה האט מען שוין ערפינדען א אויטאמאביל־קאנאָן, וואס איהר מויל איז געריכטעט קענען הימעל און זי איז בעשטימט דאצו, צו שיעסען אויף לופט־באלאָן׳ס וואס וועלען שוועבען אין דער הויך...

א צווייטער ערפינדער האט פערפערטיגט א מין בעזונדערן לייטער וואגען, וואס זיין לייטער לאזט זיך אויסשרויבען אין דער הויך פון עטליכע 50 מעטער און וועלכע איז בעשטימט, צו קאנטראָליערען די געגענד אויב עס ווייזט זיך ערגיץ פון דער ווייט א לופט באלאן אָדער א פלוג־מאשין...

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער די אבבילדונגען פון אט די נייע קריעגס־אינסטרומענטע.

# רויבמארד־פערזוך אין בערלין.

אין איינער פון די הויפטשטראסען בערלינ׳ס, אין דער פאטסדאמער־שטראסע נו׳ 35, האבען לעצטען דאָ־נערסטאג דריי מענער געקלונגען. אין מיטען העלען טאג איבערצופאלען א יובילער־געשעפט. די איינענטהימערין צו ערוואָרגען און דאס געשעפט אויסצורויבען.

די איינענטהימערין האט אבער געהאט אזוי פיעל קראפט, זיך פון זייערע הענד צו בעפרייען און די פער־ברעכער זענען געווארען פערהאפטעט.

עס איז געוועזען אין די ערשטע נאכמיטאג־שטונדען. ווען צוויי פרעמדע מענער זענען אריינגעקומען אין דעם יובילער־געשעפט פון דער פרוי אידא ריכטער און האבען זיך געהייסען ווייזען פערשיעדענע גאלדענע בריאנזילעטען. די פרוי האט זיי עטליכע זאכען פארגעלעגט, זיי האבען געקלויבט און געוועהלט. אָבער עס האט זיי קיין איינציגעס געפאסט. וועהרענד די פרוי האט מיט זיי געשפּראָכען, איז אריינגעקומען א דריטער מאן און האט בעטראכטעט די שפאציער־שטעקעליך מיט זילבערנע קעפּ, וואס זענען געשטאנען אין א ווינקעל נעבען דער טהיר. די פרוי האט נישט אראבגעלאזט דאס אויג פון די ערשטע צוויי

# בריעף־קאסטען.

צו מעהרערע: אייערע אויפלעזונג פונ'ם רעטה־זעל איז ערשט געקומען, נאכדעם ווי דאס לעצטע נומער איז שוין געווען געדרוקט.

אבאנענט אין סטאראסאל: דאס רעכט אויף די פרעמיע האבען נאר דיעיעניגע אבאנענטען, וואס צאהלען איין דאס אבאנעמענט פאר דער גאנצער צייט מיט א מאל. ראטענווייזע אבאנענטען זענען נישט גערעכנט פאר יאהר־אבאנענטען.

צו די פערשלייסער: מיר בעמערקען נאכאמאל, אז די פרעמיעס קענען נאר בעקומען אבאנענטען וועלכע אבאניערען דירעקט ביי דער אדמיניסטראציע און צאהלען איין דעם גאנצען בעטראג.

פערשלייסער וו. און פ.: אויב איהר קענט נאך נישט צוריקשיקען די געבליבענע נומערן, מעג דאס געשעהען שפעטער. אבער דאס געלד פאר די פערקויפטע מוזט איהר תיכף שיקען. ווייל זאנסט וועלען מיר אייך די ווייטערע נומערן נישט שיקען. — דיעזעלבע תשובה גילט אויך פאר אלע פערשלייסער.

נייע אבאנענטען: די נומערן 1, 2, 3 זענען אים גאנצען פערגריפען און קענען מיר דיעזעלבע קיינעם נישט נאכליעפערן. פון דעם ראמאן „דוד שפירא" ווערד גערדוקט א סעפאראט־אויסגאבע און אלע נייע אבאנענטען וועלען בעקומען די ערשטע פארטזעצונגען אומזיסט צוגעשיקט.

אבאנענט אין ברזעזאני: מיר קענען פון דעם אבאנענטס־פרייז נאר נישט נאכלאזען. ווער עס שיקט וויינינער געלד. וועט בעקומען דאס בלאט נאר פאר דער צייט. וואס ער האט בעצאהלט.

אבאנענט אין טשערנאוויטץ: די בלעטער ווערען גלייכצייטיג אן אלע אבאנענטען און פערשלייסער ארויסגעשיקט. אויב איהר האט דאס בלאט נישט בעקומען פינקטליך, איז אין דעם שולדיג די פאסט און נישט די אדמיניסטראציע.

PIECZĘCIE KAUCZUKOWE
DRUKARNIE DOMOWE, SZYLDY, NAPI-
SY EMALIOWANE i ODLEWANE
WYKONYWA
ALEKSANDER FISCHHAB
KRAKÓW GRODZKA 50



*Drukarnia*
*Józefa Fischera*
*w Krakowie - Grodzka 62*

*Staranne i szybkie wykonanie*
*wszelkich robót drukarskich.*

**Kaufm. Fern-Unterricht!**

בוכפיהרונג (אללע מעטאדע) האנדעלסקארעספאנדענץ, דייטשע שפראכלעהרע, קויפמ. רעכנען, האנדעלס־ און וועכסעלרעכט, װארענקונדע, געאגראפיע, שענשרי בען, וועלט־געשיכטע, עספעראנטא - וועלטשפראכע, סטענאגראפיע (אללע סיסטעמע) א. ז. וו. קאנן יעדערמאן אהנע בעזאנדערע פארקענטניססע אים בריעפליכען וועגע אונד און קורצער צייט גרינדליך ערלערנען — האנאראר מעססיג, — ביי גלייכצייטיגער טיילנאהמע אן 4 לעהרפעכערן

**Stenographie gratis**

אנפראגען נור געגען רעטורקארטע, פראספעקטע געגען 15 העלי' פראבעבריעפע K. 1.50 פראנקא. ערפאלג גאראנטירט!

**Erstes commercielles Unterrichts-Institut.**
Abteilung für briefl. Unterricht
**A WEISSMANN, Podgórze-Krakau JIZ.**

# אגענטען

אויפצונעהמען

## אבאנענטען און אנאנסען

ווערען געזוכט.

### גרויסע פראוויזאן.

ויך צו מעלדען ביי דער אדמיניסטראציאן פון דער יודישען אילוסטרירטען צייטונג אין קראקוי.

# פרעמיעס

פאר די אבאנענטען פון דער

## „יודישען אילוסטרירטען צייטונג".

א) ווער עס אבאנירט די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג" דירעקט ביי דער אדמיניסטראציע אין קראקא ווענ'נסטעטנס אויף א האלב יאהר, איינשיקענדיג דאס געלד אים פאראויס, בעקומט די נאכשטעהענדע 15 העפטע פון דעם בעריהמטען, האכשפאנענדען דעטעקטיוו־ראמאן „מאקס שפיצקאפף" (יודישער שערלאק האלמעס), וועלכע קאסטען צוזאמען 3 קראנען, בלויז

### פאר 1 קראנע.

(חוץ 30 העללער פארטא)

יעדעס העפט ענטהאלט א גאנצען אבגעשלאסענע האכשפאנענדע ערצעהלונג, קיין פארטזעצונג, מיט א שענער אילוסטראציע.

די העפטע ענטהאלטען פאלגענדע ערצעהלונגען:

1) געראובט צו דער שמר...
2) באנקנאטען פעלשער.
3) עלילת דם...
4) א רעטהזעלהאפטער מארד.
5) דער שמוגגלער...
6) דאס געפעלשטע טעסטאמענט.
7) דער שפיאן.
8) דער מערכען הענדלער.
9) דער באנק־איינברעכער.
10) די קינדער־מערדערין.
11) דער טויטען־גרעבער.
12) דאס געהיימניס פון א מיליאנער.
13) די דערטרונקענע כלה.
14) דער מיסיאנער.
15) די נאכטוואנדלערין.

ב) אנשטאט דיעזע העפטע קען מען אויך בעקומען די פאלגענדע וויכטיגע ספרים פון דעם גרויסען יודישען געלעהרטען דר. ש. רובין:

**א) תהלת הכסילים, ב) ספור יצירת העולם, ג) שני לוחות הפילוסופיה.**

וועלכע קאסטען 4 קראנען, בלויז

### פאר 1.50 קראנע.

(חוץ 30 העללער פארטא)

ג) ווער עס אבאנירט די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג" אויף א גאנץ יאהר און בעצאהלט אים פאראויס, בעקומט ענטוועדער די 15 העפטע מאקס שפיצקאפף אדער די ספרי דר. רובין

### גאנץ אומזיסט.

די אבאנענטען ברויכען נאר צו שרייבען, וועלכע פרעמיע זיי ווינשען: האלב יעהריגע אבאנענטען ברויכען גלייכצייטיג צוצושיקען דאס געלד פאר דער פרעמיע.

# Najpopularniejsze tytonie

tak zwana „SIEDEMNASTKA“

(Feiner Herzogowina Rauchtabak) paczka 34 halerze.

i tak zwana „TRZYNASTKA“

(Mittelfeiner türkischer Rauchtabak) paczka 26 hal

Te dwie odmiany tytoniu w równych częściach zmięszane dają doskonałą mieszankę. — Bardzo smaczną jest w paleniu i nadaje się znakomicie do tutek „Noris“ oznaczonych literą **N**

Również nadzwyczaj smaczną jest w paleniu ta mięszanka w bibułkach cygaretowych „POBUDKA“ wyrobu fabryki „NORIS“

**Mr. W. Bełdowskiego w Krakowie.**

Cena: „POBUDKA“ w książeczkach . . . . . . . . . . . . . 4 halerze
w opakowaniu patentowem. . . . . . . . . 6 halerzy

Zwolennikom kręconych papierosów zwracam uwagę na bibułki „POBUDKA“.

**Przestańcie palić przeźroczyste bibułki**

**Do nabycia w handlach i trafikach.**



## HOTEL-RESTAURANT Rosenthal

**Lemberg**

Rzeźnicka.



## Billiger unmöglich!

Eine Nickel Rement Taschen Uhr «Syst. Roskopf Patent» mit eleg. Kette und Anhänger **K. 3.50 h.**

**3 Stück — 9 K. 50 h.**



**Michael Horowitz**

**Krakau, Dietla 57** Oest.

Cataloge Franko und Gratis.



ERSTE GALIZISCHE

# METH-BRAUEREI

mit Dampfbetrieb

## A. S. SPIRA, Podgórze-Krakau

Telefon Nr. 694.

**Empfielt vorzuglichsten Doppelt-Meth sowie alten Boutellen Meth zu aussersten Preisen.**

**Probesendungen in eleganten Blechflaschen a 4 Liter.**

**Nr. 1. um K. 5. Nr. 2. um K. 4.** Franko jeder Post.

**Fur Wiederverkaufer Vorzugs-Preise**



**אנאנסען**

אין דער

„יודישען

אילוסטרירטען

צייטונג“

האבען דען

גרעסטען ערפאלג.



## Panienka lub uczeń

znajdzie troskliwą opiekę przy intel. rodzinie żyd. w Krakowie. — Fortepian w domu.

Wiadomość w Redakcyi „Jüdische illustrierte Zeitung“, Grodzka 62



Spezial-Verkehr nach Süd-Russland.

**N. Katzner, Spedition u. Kommission**

Podwoloczyska, Woloczysk, Brody und Radziwilow

Feste Durchfrachten von und nach Russland.

Export von Holzwolle, Eierkistenbrettern u. Sensenwetzsteinen

**Steinkohlen, Antracit und Koks.**

Tee in Originalpaketten mit kais. russ. Kronsbanderolle.



**Zjednoczone austryackie akcyjne towarzystwo żeglugi parowej**

# „AUSTRO-AMERICANA“

**Regularna i bezpośrednia komunikacya**



**z Austryi do Ameryki, Kanady i t. d.**

Trzymajmy się zasady: **„swój do swego“**!

Kto więc chce jechać, niech się uda tylko do firmy krajowej:

**Jeneralna Ajencya dla Galicyi i Bukowiny i sprzedaż kart okrętowych**

# Goldlust i Sp.

**Kraków ul. Lubicz 7,** (naprzeciw dworca kolejowego).

**Lwów, ul. na Błonie 1. 2.**

**Czerniowce — Brody — Nadbrzezie — Podwołoczyska — Szczakowa.**

oraz wszystkie prowincyonalne ajencye.

Jedyne towarzystwo żeglugi, upoważnione reskryptem ministeryalnym z d. 30. kwietnia 1904 l. 21903 do ustanawiania ajentów i reprezentantów we wszystkich miejscowościach Austryi.

**Zastępstwo Austryackiego l p. „Lloydu“.**



„Варшавское книгоиздательство Я. Мерецкій, Варшава, Медовая 12“

**„WARSZAWSKA KSIĘGARNIA NAKŁADOWA“**

**I. Merecki, Warszawa Miodowa 12.**

# „ווארשאויער פערלאגס — בוכהאנדלונג“

י. מערעצקי, ווארשוי מיאדאווא נר' 12

אנגרא און רעטייל פערקויף, אויך עקספעדיציאן פון אלערליי צייטונגען, זשורנאלען, הומאריסטישע שריפטען, ראמאנען און העפטען, אינלענדישע, אויסלענדישע אויך פעטערסבורגער און מאסקויער.

**א פיליע פון די צייטונג „נאווא רוס“ און אנדערע.**

צו בעקומען אויס'ם לאגער פערשידענע אלערארטיגע בעלעטריסטישע היסטארישע ראמאנען, ביכער, קלאסיקער, אויך ווערטערביכער, אין רוסישע, פאלנישע, דייטשע פראנצעזישע און ענגלישע שפראכע.

מיט דעם גרעסטען ראבאט.

אנגרא פערקויף פון פערשידענע אירטיסטישע פאסטקארטען צו זעהר בילינע פרייזען.

מאלען און לעהרע ביכער פיר: חוראזניקעס, מאליארעס, שלאסערס, טישלערס, בוי-מייסטערס, עט דעקאראציאנס געשעפטען.

ספעציעלע אבטיילונג לעהרע ביכער פאר אינזשינערע מעכאניקער, דענטיסטען, דאקטוירים, אפטייקערס, וועבער-מייסטער, קונסטאנשטאלטען, דרוקערייען, ליטאגראפען, צייכנער א. ז. וו.

**יליאלע אין לאדז: פרועיאזר נר' 10**

Telefon Nr. 484 ※ Unternehmung für elektrische Beleuchtung & Kraftübertragung ※ Telefon Nr. 484

# Ing. Rudolf Popper, Krakau, Florianigasse 47.

Bau elektrischer Zentralstationen jeder Art und Grösse für Beleuchtung & Kraftübertragung. Komplette Einrichtungen für Fabriken, Gruben, Mühlen, Ziegeleien, Dampfsägen, Raffinerien, Brauereien, Landwirtschaften, Hotels, Villen, Paläste etc

Bau von Schalttafeln für alle Stromarten.

Fabrikation von elektr. Starkstromapparaten für Specialzwecke

Grösstes Lager elektrotechnischer Installationsmaterialen, Dynamomaschienen, Elektromotoren; Ventilatoren, Bogenlampen, sowie aller Art moderner Beleuchtungskorper.

Projekte, Kostenanschläge und technische Beratungen auf Verlangen kostenlos.

## Linoleum Wachstuch Wasserdichte-Stoffe zu sehr herabgesetzten Preisen

liefert in reichster Auswahl

# M. H. Reinhold, Krakau, Grodgasse 69.

Linoleum und Wachstuch „En Gross“ „Export“ & En detail.

# „המצפה“

עתון שבועי עם הוספה ספרותית בכל חדש בשם
„רמת המצפה“

לכל עניני החיים ולעניני היהודים בפרט. יוצא לאור זה השנה החמישית בקראקא.

ב„המצפה“ ימצא הקורא השקפה שלמה ונאמנה על כל מקרי השבוע בכל העולם בכלל ובנוגע ליהודים בפרט. הכל ערוך בקצור באופן מספיק, כועט המתויק את המרובה.

„המצפה“ מברר ומבקר את כל הנעשה בעמנו ולעמנו, מעיר על כל עולה, מעמיד כל מקרה ומחזה על אמתתם, שופט על כל תקלת בכל מקור שהיא, בלי משא פנים.

„המצפה“ מביא מאמרים ספרותיים ומדעיים, כלליים ויהודיים, מאמרי בקרת וחקירות בספרותנו ובדברי ימינו. בכל גליון ימצא ספור יפה או ציור מעשה ידי מומחים, גם שירים מן המבחר ובדיחות.

בהיות „המצפה“ פופולרי מאד ונקרא מכל מפלגות עמנו, הוא מכשר מאד למודעות של מסחר.

מחיר „המצפה“ עם ההוספה הספרותית לשנה 7 כתרים, 3.50 רובל, 9.50 פראנק, 2 דולר. ובערך הזה לחצי שנה ולרבע

האדרסה: Administration „HAMICPE“, Krakau, Galizien

Bevor Sie um ein Personal, Hypothekar o. Real
DARLEHEN
ansuchen
Verlangen Sie kostenlos Prospekt
MELLER L. EGYED,
BUDAPEST,
VI. Podmaniczkyutcza 57.
Telefon-Interurban 46—31

## ZAKŁAD WODOLECZNICZY i SANATORYUM

Spec. chor. nerwowych Dra B. Kupczyka

**Kraków, ul Szujskiego 11.**

Wodolecznictwo parnia, kąpiele gorące powietrzne, swietlno-elektryczne, wodo-elektryczne, gazowe nasycane ciekłym kwasem węglowym (nauheimskie), sztuczne kąpiele mineralne, ciepłe wanny. — Elektryzowanie wszelkiego rodzaju. Masaż ręczny, wibracyjny, elektryczny. — Leczenie dyetetyczne, łuczne. Pokoje dla chorych:

**Wsazania:** Choroby układu nerwowego, żołądka, jelit reumatyzm, niedokrewność osłabienie ogólne, otyłość, skaza moczanowa, cukrzyca. Choroby serca i naczyń krwionośnych.

## מיינע בילליגע פרייזע ערדענגע איפזעהעז!



איינע ניקקעל־אנקער־רעמונטואר־טאשען־אוהר מיט 36-שטינדיגען ווערקע, מארקע „ס י ס ט ע ם־ר א ס ק א פ ף פ א ט ע נ ט“ ואמט שענער ניקקעלקעטטע אונד אנהענגער פל. 1.75, נביי אבנאהמע פון 3 שטיק פל. 5.— 6 שטיק פל. 9.50.

IGNAZ ZYPRES,
KRAKAU, Oesterr. FLORYANERGASSE 49/c.

רייכאיללוסטריערטע פרייזקוראַנטע מיט 800 אבבילדונגען גראטיס אונד פ־אנקא.



**Maszynki do strzyżenia włosów**
**po Kor 3.80 h.**
poleca
**Skład towarów żelaznych i stalowych**
Bernard GRESCHLER, w Krakowie
**UL. GRODZKA 43.**

**WODOCIĄGI**
**ŁAZIENKI -**
**KLOZETY -**

## Musgravego Dauerbrandy PIECE KAFLOWE

# J. MEISELS, KRAKÓW

Telefon 163. KARMELICKA 6. Telefon 163.

Przedsiębiorstwo dla dostaw budowlano-technicznych i zakład instalacyjny
(Spółka z ograniczoną odpowiedzialnością).

Urządzenia gazowe
Żerandola
piece
i kuchnie
gazowe.


Wydawca: M. Fischer. — Odpowiedzialny redaktor: J. Kreppel. — Drukarnia Józefa Fischera w Krakowie.